# ווערען א בר מצוה צווישן פסח ראשון און פסח שני

פסח ראשון | פסח שני

חיוב הקטן / עשיית מצוה בזמן הפטור / רגל בפני עצמו
אינו נאכל אלא למנויו / פעולה נמשכת / קטן שהגיע לחינוך

לע"נ זאב ארי' ע"ה בן יבלחט"א שניאור זלמן גליק

ע ס שטייט אין גמרא:[1] "תנו רבנן: "שה לבית"[2] מלמד שאדם מביא ושוחט על ידי בנו ובתו הקטנים" (פון די איבעריקע ווערטער "שה לבית" לערנט מען אַרויס אַז אַ מענטש קען ברייינגען און שחט'ן אַ קרבן פסח פאַר זיינע זין און טעכטער ווען זיי זיינען קטנים.)

אין פשט פון די גמרא איז פאַראַן אַ מחלוקת: רש"י[3] לערנט אַז די איבעריקע ווערטער אין פסוק זיינען מרבה אַז אַ בעל הבית קען שחט'ן אַ קרבן פסח פאַר אַלע זיינע בני בית, אויך קטנים, און זיי דאַרפן פון דעם ניט וויסן אָדער מסכים זיין.

תוספות[4] האָט אַן אַנדער אופן פון לערנען די גמרא, אַז דער ריבוי פון דער פסוק (אַז אַ קטן איז בדין קרבן פסח) איז באמת נאָר אַ דין דרבנן, און דער לימוד פון דער פסוק איז נאָר אַן אסמכתא.

להלכה פסק'נט דער רמב"ם:[5] "ושוחטין על הקטנים שיהיו בכלל החבורה." אַז אַ מענטש קען ברייינגען און שחט'ן אַ קרבן פסח פאַר זיינע זין און טעכטער ווען זיי זיינען קטנים.

די שאלה איז, ווי האַלט דער רמב"ם: איז שה לבית אבות מדאורייתא (ווי רש"י), אָדער מדרבנן (ווי תוספות?)

אויך דאַרף מען פאַרשטיין: וואָס איז די נפקא מינה צי עס איז אַ חיוב מדאורייתא אָדער אַ חיוב מדרבנן?

ב ווייטער אין הלכות קרבן פסח זאָגט דער רמב"ם[6] "קטן שהגדיל בין שני הפסחים (פסח ראשון און פסח שני) חייבין לעשות פסח שני, ואם שחטו עליו בראשון פטור (אַ קטן וואָס איז געוואָרן בר מצוה צווישן פ"ר

1. פסחים פח, א
2. שמות יב, ג
3. ד"ה שה לבית
4. ד"ה שה לבית מ"מ
5. הלכות קרבן פסח פרק ב' הלכה ד'
6. פ"ה ה"ז

און פ"ש איז מחוייב צו ברענגען אַ פסח שני. אָבער אויב מ'האָט פאַר אים געבראַכט בפסח ראשון איז ער פטור פון פסח שני).

דער טעם וואָס ער איז חייב בפ"ש כאָטש אַז ער איז געווען אַ קטן בפ"ר, איז ווייל די הלכה איז אַז פ"ש איז אַ "רגל בפני עצמה" (אַן אייגענער יום טוב) און ניט נאָר "תשלומין לראשון" (אַ השלמה פאַר די וואָס האָבן ניט געבראַכט אַ קרבן בפ"ר.) עד כדי כך אַז דערפאַר האַלט דער רמב"ם (אין ספר המצוות[7]) אַז איינער וואָס האָט במזיד ניט געבראַכט אַ ק"פ בראשון איז חייב כרת כאָטש אַז ער האָט עס געבראַכט בפ"ש (אין ספר היד[8] איז דער רמב"ם חוזר פון דער פסק.)

זאָגט ר' יוסף (ר"י) קורקוס אַז דער טעם פון די הלכה איז: ווייבאַלד אַז מדאורייתא איז אַ קטן נתרבה געוואָרן אויף קרבן פסח, האָט ער יוצא געווען מן התורה זיין חיוב צו ברענגען אַ ק"פ און איז פטור פון ברענגען פסח שני. ער ענדיקט אָפּ און זאָגט אַז דער פירוש איז פשוט און מוכרח. און דער ביאור איז: אויב אַ קטן האָט נאָר אַ שייכות צו קרבן פסח מדרבנן קען דאָס אים ניט פטר'ן פון זיין חיוב אויף פסח שני וואָס איז אַ חיוב מדאורייתא.

אַ ראי' אויף דעם (אַז אויב ער איז פטור מדאורייתא, קען דער קיום פון דער מצוה אינגאַנצן ניט גערעכנט ווערן,) זאָגט דער מנחת חינוך[9]: אין מסכת ראש השנה[10] שטייט אַ דין אַז אויב איינער איז געווען אין אַ מצב וואָס ער איז געווען פטור פון מצוות (לדוגמא, "כפאו שד") און האָט געגעסן מצה, האָט ער ניט יוצא געווען מצות אכילת מצה און דאַרף נאָכאַמאָל עסן מצה, ווען ער קומט צוריק צו זיין נאָרמאַלן געזונטן מצב.

פרעגט דער מנחת חינוך[11] אויפן רמב"ם: אין מסכת נדרים[12] לערנט די גמרא למסקנא אַז "שה לבית לאו מדאורייתא" ווי תוספות זאָגט, איז ווי קען דער רמב"ם האַלטן אַז שה לבית איז מדאורייתא!?

7. מצות עשה נז
8. פ"ה ה"ב
9. מצוה ה' סק"ה
10. כח, א
11. מצוה ה' סק"ה
12. לו, א

ר' חיים בריסקער איז מבאר שיטת הרמב"ם, אַז דער רמב"ם האַלט אַז "באמת לענין עיקר דין המינוי והקרבת ק"פ שאדם שוחט את פסחו על בניו ובני ביתו הקטנים שפיר הוה דאורייתא, ומינויו מינוי מדאורייתא" (באמת ווען אַ מענטש שחט אַ קרבן פסח פאַר בניו ובנותיו הקטנים איז דאָס מדאורייתא, און דער מינוי פון דעם קטן איז מדאורייתא.) און דאָס וואָס די גמרא זאָגט אין נדרים אַז שה לבית לאו מדאורייתא, זאָגט ר' חיים "הוא לענין חיובא," אַז מדאורייתא איז דער אב ניט מחוייב אין ברייגען ק"פ פאַר בניו הקטנים, אָבער אויב ער ברייגגט עס יאָ, האָט דאָס אַ דין אכילת ק"פ מדאורייתא.

**ג** פרעגט תוספות[13]: וויבאַלד אַז קרבן פסח אינו נאכל אלא למנוייו, און אַ קטן עסט קרבן פסח נאָר מדרבנן (לשיטת התוספות,) קומט אויס לכאורה אַז מען גיט אים צו עסן אַ דבר איסור, און די הלכה איז דאָך אַז עס איז אסור צו געבן אַ קטן עסן אַ דבר איסור!?

ענטפערט תוספות, אַז מצד חינוך מעג מען.

אַ צווייטן ענטפער אויף די קשיא זאָגט דער ר"ן אין נדרים:[14] אַז דער דין אַז "אין הפסח נאכל אלא למנוייו" איז שייך נאָר צו די וואָס זיינען "ראויין להמנות," אָבער קטנים וואָס "לאו בני הכי, לית לן בה" (דער דין איז שייך נאָר צו די וואָס זיינען ראויים צו זיין אַ חלק פון די חבורה, אַז זיי מעגן עסן נאָר פון אַ קרבן פסח וואָס זיי זיינען אויף דעם נמנה געוואָרן. אָבער קטנים וואָס זיינען בכלל ניט שייך צו נמנה ווערן, איז דער דין ביי זיי אינגאַנצן ניט שייך.)

קומט אויס אַז תוספות און דער ר"ן האַלטן אַז מדאורייתא איז ניטאָ קיין אָרט אויף אכילת קרבן פסח פאַר אַ קטן. וואָס פון דעם קומט אויס לכאורה אַז לויט תוספות און דער ר"ן "אם שחטו עליו בראשון" איז ער ניט פטור פון ברייגגען אַ קרבן פסח.

**ד** דער אַלטער רבי שרייבט אין שולחן ערוך:[15] כל שהוא משום חינוך מצוה מותר לספות לו איסור בידים כגון להאכיל פסח לקטן שהגיע

13. ד"ה הנ"ל
14. לו, א ד"ה אמר ר' זירא
15. או"ח סימן שמ"ג סעיף ח'

לחינוך אף על פי שלא נמנה עליו ואין הפסח נאכל אלא למנוייו אף על פי כן כיון שמתכוון לחנכו במצות מותר." זעט מען אַז דער אַלטער רבי האַלט ווי תוספות אַז א. מדאורייתא איז ניטאָ קיין ענין פון קרבן פסח פאַר אַ קטן. און ב. דער טעם וואָס מען מעג יע געבן אַ קטן צו עסן קרבן פסח איז מצד חינוך (נישט ווי דער ר"ן).

די נפקא מינה צי מען האַלט ווי תוספות אָדער דערווי' דער ר"ן:

> דער מנחת חינוך[16] זאָגט אַז אַ שוטה וחרש זיינען ניט בגדר חינוך, און דעריבער לויט תוספות טאָר מען זיי ניט געבן צו עסן קרבן פסח, אָבער לויט דער ר"ן מעג מען יע, ווייל וויבאַלד זיי זיינען פטורים פון מצוות זיינען זיי ניט בגדר מינוי איז ביי זיי ניט שייך דער דין אַז "אין הפסח נאכל אלא למנוייו."

דער לשון פון דער אַלטער רבי איז "להאכיל פסח לקטן שהגיע לחינוך." אויב מען איז מדייק אין לשון פון דעם אַלט'ן רבי'ן זעט מען אַז וויבאַלד דער היתר איז נאָר מצד חינוך איז עס מותר נאָר פאַר אַ קטן וואָס הגיע לחינוך. משא"כ לויטן ר"ן וואָלט געווען מותר צו געבן די קרבן פסח אויך צו אַ גאָר קליין קינד וואָס איז נאָך ניט הגיע לחינוך.

מען דאַרף אָבער פאַרשטיין: מען געפינט ניט אַז מען זאָל זיך קריגן אויף דעם דין פון דעם רמב"ם אַז "אם שחטו עליו בראשון פטור." און לויט דעם וואָס מען האָט מבאר געווען זיינען דאָ כמה וכמה שיטות (תוס', ר"ן) וואָס קריגן אויף דעם גאַנצן יסוד פון דעם רמב"ם און האַלטן לכאורה אַז אַ קטן האָט קיין שייכות ניט צו קרבן פסח!?

ה דער ראָגאַטשאָווער זאָגט נאָך אַ ביאור אין דעם רמב"ם. ובהקדים: די הלכה איז אַז פסח שני איז אַ "רגל בפני עצמו," וואָלט לכאורה געדאַרפט זיין דער דין אַז אפילו מען האָט שוין יאָ געבראַכט אַ קרבן בפסח ראשון דאַרף מען נאָכאַמאָל ברייגען בפסח שני?

נאָר דאָס איז ווייל די פעולה פון מקריב זיין און עסן די קרבן פסח איז אַ פעולה נמשכת - עס איז אַזוי ווי מען טוט דאָס די גאַנצע צייט נאָכדעם

16. מצוה ה

אויך. און וויבאַלד אַז פסח ראשון און שני האָבן דעם זעלבן תוכן זיינען זיי גערעכנט אַלץ איין ענין, און די פעולה פון שחיטת ואכילת קרבן פסח איז נאָך אַלץ פאַראַן ווען ס'קומט פסח שני, און דעריבער איז ער פטור, ווייל ס'ווערט גערעכנט אַז ער טוט יעצט די פעולה פון אכילת ושחיטת קרבן פסח.

לויט דער כלל (אַז עס זיינען דאָ געוויסע מצוות וואָס זייער פעולה ווערט נמשך אויך אויף אַ שפּעטערדיקן זמן, כולל מצות הקרבת ואכילת קרבן פסח) קען מען פאַרשטיין אויך ביי אַ קטן, אַז וויבאַלד אַז מען האָט פאַר אים מקריב געווען אַ קרבן און ער האָט פון דעם געגעסן, איז דער פעולה נאָך קיים בזמן פסח שני.

על פי זה קומט אויס, אַז אויך די שיטות וואָס האַלטן אַז "שה לבית" איז אינגאַנצן מדרבנן , וואָלטן מסכים געווען צו דער דין פון רמב"ם אַז "אם שחטו עליו בראשון פטור." ווייל כאָטש אַז ער איז ניט געווען מחוייב אין דעם בפסח ראשון אָבער סוף כל סוף איז זיין פעולה נאָך אַלץ פאַראַן, און דעריבער דאַרף ער נישט אָנקומען צו קיין נייעם הקרבת ואכילת קרבן פסח.

ד י הוראה וואָס מען קען פון דעם אַרויסלערנען: אין זמן הגלות זיינען אידן אין אַ מצב פון "קטנות," קען אַ איד טראַכטן וואָס קען שוין מיין תורה ומצוות אויפטאָן?

זעט מען פון דאָ, אַז ווען אַ איד איז יעצט מקיים תורה און מצוות איז דאָס פועל אויך שפּעטער אין דעם זמן ווען ער וועט ווערן אַ גדול, וואָס דאָס מיינט אין דער צייט פון דער גאולה ווען אידן וועלן זיין אין אַ מצב פון "גדלות." און דאָס שרייבט דער אַלטער רבי אין תניא (פרק ל"ז) אַז "תכלית השלימות הזה של ימות המשיח ותחיית המתים תלוי במעשינו ועבודתינו כל זמן משך הגלות!"

זאָל מען זוכה זיין אַז דאָס זאָל זיין תיכף ומיי"ד ממ"ש!

על פי לקוטי שיחות חלק כ"ו פרשת בא שיחה ב'

# קיצור לחזרה

1. אב מביא ק"פ לבני ביתו הקטנים. מחלוקת, רש"י - מדאורייתא. תוספות - מדרבנן.

2. מהו שיטת הרמב"ם האם הוי מדאורייתא או מדרבנן?

3. פסק הרמב"ם: "אם שחטו עליו בראשון פטור". ביאור של ר"י קורקוס. ראי' מאכילת מצה. קושיית המנחת חינוך, ביאור של ר' חיים.

4. קושיית התוספות, לכאורה אינו נאכל אלא למנויו? תירוץ - מותר מצד חינוך. תירוץ הר"ן - אינו בגדר מצוות מינוי. והיוצא מזה שחולקים לכאורה על הרמב"ם.

5. שיטת אדה"ז כתוספות. נפקא מינה בין תוספות והר"ן, חרש ושוטה. נפקא מינה בקטן שלא הגיע לחינוך: לתוס' אסור להאכילו, להר"ן מותר להאכילו.

6. ביאורו של הראגאטשאווער, שק"פ הוי פעולה נמשכת. ועל דרך זה יש לומר בקטן שהגדיל בין פסח ראשון לפסח שני גם למ"ד "שה לבית מדרבנן" שפטור מפסח שני אם שחטו עליו בראשון.

7. הוראה, עבודה בזמן הגלות פועל על הגילויים דלעתיד.